Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען — היינט 10 זייטען

# נײַעס פֿאָלקסבלאַט

№ 275 | Łódź, , Niedziela 27 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, כ״ח מרחשון תרצ״ג | № 275

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דער פּויליש=סאוויעטישער אפּמאך

## איז ראטיפיצירט געווארען דורך א פעראָרדנונג פון מלוכה=פרעזידענט

וואַרשא, 26. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אויף דער לעצטער זיצונג פון מיניסטארען - ראט איז בעשטעטיגט געוואָרען דער טעקסט פון דער פעראָרדנונג פון מלוכה-פרעזידענט וועגען פעראָפפענטליכען דעם נישט-אָנגרייפס-אָפּמאַך פון דער פוילישער רעגירונג מיט די סאוויעטען.

די פעראָרדנונג וועט פעראָפענטליכט ווערען אין „דזשעניק אוסטאוו" היינטיגען מאָנטאָג.

זשענעװ, 26. (ספּ. טעל.) דער פוילישער אויסערן-מיניסטער בעק האָט געגעבען אַן אינטערוויו דעם קאָרעספאָנדענט פון דער סאָוויעטישער „טאס"-אַגענטור וועגען דעם אונטערגעשריבענעם נישט-אָנגרייפס-אָפּמאַך, דער מיניסטער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט מיט דעם אָפּמאַך און ערקלערט, אַז דער אָפּמאַך וועט ברענגען צו אַ בעסערן צוזאַמענלעבען פון ביידע שכנותדיגע פעלקער.

# ארבייטסלאזע ווילן זיך אריינרייסן אין „ווייסע הויז"

### גרויס געשלעג צווישען דעמאנסטראנטען און פאליציי אין וואשינגטאָן

וואַשינגטאָן, 26. (ספּ. טעל.) גרויסע מחנות אַרבייטסלאָזע צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער האָבען געמאַכט דעמאָנסטרירט אין וואַשינגטאָן פאַר הובערס ווינטער־פאַלאַץ, פאַר'ן ווייסען הויז. די אַרבייטסלאָזע האָבען אין אַ געוויסען מאָמענט אָנגעהויבען שטורמען דאָס „ווייסע הויז" און געפרובט אריינרייסען זיך צו הובער'ן. שטאַרקע אָפּטיילונגען פאָליציי האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג. ס'איז אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער געשלעג צווישען די דעמאָנסטראַנטען און פאָליציי. ס'זענען דאָ אַ סך פערוואונדעטע. פאָליציי האָט סוף כל סוף פונאַנדערגעטריבען די דעמאָנסטראַנטען און אַ סך פון זיי אַרעסטירט.

## נישט-אנגרייפס-אפמאך

### צווישען פראנקרייך און די סאוויעטען

פּאַריז, 26. (ספּ. טעל.) דער מיניסטאָרען־ראַט האָט אָפּגעהאַלטען אַ ספּעציעלע זיצונג וועגען פּראָיעקט פון נישט־אָנגרייפס־אָפּמאַך צווישען פראַנקרייך און די סאוויעטען. אַזאַ אָפּמאַך זאָל שוין געשלאָסען ווערען אין דער נאָהענטער צייט.

## ד״ר בראדעצקי האנפערידט

### אין קאלאניען-מיניסטעריום

לאָנדאָן, 26. (יט״א טעלעגראַפיש) דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע ד״ר בראָדעצקי האָט היינט אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט דעם אונטערשטאַאַטס־סעקרעטאַר פאַר קאָלאָניעל עניינים קלימוט, ס'זענען אַרומגערעדט געוואָרען אַ רייה אַקטועלע ענינים.

## אינגאנצען אפגעשטעלט די אימיגראציע קיין ארגענטינא

בוענאָס־איירעס, 26. (ספּ. טעל.) די אַרגענטינישע רעגירונג האָט אינגאַנצען אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע קיין אַרגענטינע.


אחרי מחלה כבידה וממושכה נפטרה בשיבה טובה בשנת 76 לימי חיי׳

האשה החשובה והצנועה מרת

ב״ע

נעמי שריבניק אשת ר׳ שמשון ז״ל

בת ר׳ ישעי׳ ליפשיץ נכדת ר׳ משה חלפן ז״ל מווארשא

הלויה למנוחת עולמה תהי׳ היום יום א׳ תולדות 27/11 בשעה 12.30 בצהרים

מבית האבל פּאלודניאווא 5

משפחתה המתאבלת.

Spółdzielczy

BANK HANDLOWO-PRZEMYSŁOWY

sp. z o. o.

w Łodzi, Nowomiejska 4, tel. 246-95

Załatwia wszelkie czynności bankowe:

INKASO

DYSKONTO

R-KI BIEŻĄCE

WKŁADY OSZCZĘDNOŚCIOWE

KUPNO i SPRZEDAŻ PAPIERÓW PAŃSTWOWYCH

Udziela zaliczek na inkaso.

STAWKI INKASOWE NA WSZYSTKIE MIEJSCOWOŚCI ZOSTAŁY ZNACZNIE ZNIŻONE.

מיטוואך, דעם 30-טען ליסטאפאד, פינקטליך 9 אווענד, וועט פארקומען

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

אן אנ'אפשידס=קאנצערט

משה קוסעוויצקי

פאר זיין אפפאהרען אויף א לענגערען טורנע נאך אויסלאנד

פון וועלט = בעריהמטען אויבער=קאנטאר פון ווארשעווער סינאגאגע

אין פראגראם: תפלות, פאלקסלידער און אפערן=אריעס פון זיין אלטען און נייעם רעפערטואר. ——— ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאן-דאווידאוויטש.

בילעטען צום פרייז פון 1, 1.50 און 2 זל. צו בעקומען: ביי י. וועלטמאנאוויטש (קאנדיטאריי) פיעטריקאווער 12 און אין קאסע פון פילהארמאניע.

4854

אויגען-קליניק מיט שטענדיגע בעטען פון Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 72-221

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטאָרישע פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

1604

Dr. med. J. SCHORR

פון IWONICZ

ספעציאליסט

פאר הארץ און סקלעראזע-קראנקהייטען

וואוינט יעצט אין לאדז

גדאנסקא 11, טעל. 226-85

נעמט אן פון 4–6 נאכמיטאג.

2899

וויכטיג נייעס פאר מחותנים!

אויב איהר האלט ביי חתונה מאכען אייערע קינדער, צוזי געהט נישט דינגען פריהער קיין זאל ביז איהר וועט נישט קומען צוערשט זעהען דעם פויש ערשטקלאסיגען רעסטאראנט

ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36

וועלכער איז געוואָרען איינגעאָרדענט ספעציעל אויף חתונות און חינוך'ס און אויף פערשידענע פערוויילונגען אדער אויף פארציעס-חתונות אויף די בעסטע בעדינגונגען צו די צוגענגליכסטע פרייזן.

צו אינפארמירן זיך טעגליך פון 7 פרי—10 אווענד אין ווארש. זאל פאלודניאווא 36

טוריסטען-ביורא ביי „תוצרת ארץ-ישראל"

לאדז. שרודמיעסקא 1.

ס'ווערען אגגענומען איינשרייבונגען צו דער

עקסקורסיע קיין ארץ-ישראל

ס'ווערען ערטיילט אלע ארט אינפארמאציעס וועגען ארץ-ישראל טעגליך פון 10–12 און פון 4–7 אווענד.

ליטונג פון דער טוריסטען-ביורא „תוצרת ארץ-ישראל"

לאדז, שרודמיעסקא 1.

4804

אכטונג! יעדער איינער האט די מעגליכקייט צו פאהרען אומזיסט קיין ארץ - ישראל

קויפענדיג ארץ-ישראל'דיגע פראדוקטען פון 50 גר. אז בעקומט מען א באן, וועלכע קען געווינען אנ'אומזיסטע רייזע היין ארץ - ישראל

קויפט ארץ-ישראל'דיגע פראדוקטען

שוין אנגעקומען: ציטראנען (אה: פעסקעס)

ווי אויך אשכוליות (Greapy Fruite)

קומט און איבערצייגט אייך! „תוצרות ארץ-ישראל" שרודמייסקע 1

אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער

פאמיליע סקאווראנעק

צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען

ב״ע

יהושיע פעלצמאן

זאלען זיי זיין געטרייסט!

פאמיליע שפירא

פאמיליע ראזענשטיין

